ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת וישב

אידיש

**509**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק תשיעי

## וישב

אין דעם פרק ווערט געברענגט אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טאָן, און נאָך פיל זאַכן וואָס דער מענטש זאָל נעמען אויפן האַרץ, מתקן צו זיין זיינע וועגן.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט
## פון נײַנטער פרק


**א.** אַ תפילה פאַר דעם מענטש וואָס וויל תשובה טוהן – אַ טייל דערפון פון ספר רזיאל המלאך............................ ג

**ב.** דער רשע אַנטלויפט פון הערן דברי תורה, און דברי תורה איז ביי זיי, אַזוי ווי דער קאַפיטל "ויהי נועם" וואָס מאַכט אַנטלויפן די שדים.............................................. יז

**ג.** דער יצר הרע רעדט איבער דעם רשע אַז אויב ער וועט אָפּלאָזן זיינע פאַרגעניגענס וועט ער שטאַרבן, און אין פסוק שטייט "וחי בהם", דרש'ענען די חז"ל דערויף "ולא שימות בהם"............................................................ יח

**ד.** אַ סאַך שווערינקייטן גייען אַריבער אויף דעם אָרימאַן, און ער שטאַרבט נישט.......................................... יט

**ה.** די וועגן פון דעם אָרימאַן זעען אויס שענדליך אין די אויגן פון דעם רייכן מענטש, און מיט דעם אַלעם זענען זיי גלייך ...כ

**ו.** דער רשע זאָל זיך אַראָפּלערנען פון דעם אָרימאַן וויפיל ער איז זיך מוסר נפש מקיים צו זיין די מצוות, און ער שטאַרבט נישט.............................................. כא

**ז.** דער זינדיגער זאָל טוהן אַנטקעגן זיינע אויגן די שלעכטע פאַסירונגען, מיתות משונות, מלחמות, חורבנות און אַזוי ווייטער – דאַן וועט זיין פאַרשטאָפּט האַרץ ווערן אונטערטעניג צוליב מורא, טאָמער וועט מיט אים פאַסירן איינע פון די אַלע פאַסירונגען........................................ כא

# פרק תשיעי

## אַ תפילה פאַר דעם מענטש וואָס וויל תשובה טוהן – אַ טייל דערפון פון ספר רזיאל המלאך

## תפילה בלשה״ק

**א. יתודה** האדם ויעזב החטאים והעונות והפשעים שעשה, ואל יפסיק מלבקש רחמים מהשם, והוא יתברך בודאי ירחם, כי חנון הוא. וכה יאמר:

**אנא** ה׳ אלהי ואלהי אבותי, אשר בראתני, אל יצא פעולתך לריק להחזירני כלא הייתי בעבור שהכעסתיך. כי גלוי לפניך כיון דמחומר יצרתני, שהחומר מטנף בכל מקום אשר יגע. ועל זה בראתני, לעזרני בבואי לחזור ממעשי הרעים כדי להיטיב עמי, כי על זה בראתני. ובאתי לפניך, כי אין מי שיכול לתקן שברי כמוך, כי האומן שעשאני יודע מקום השבירה לתקן. ועוד אמרתי ועל זאת באתי, כי אין מי שמכיר צרת נפשי אלא אתה, והמכיר בצרה מהר מרחם. לכן קבלני בתשובה לפניך, ועשה למענך אם לא למעני, כיון שטרחת בי כל כך עד שגדלתני לבוא לכלל זה, לבוא לפניך בתשובה, לכן רצה תשובתי, ונקני מכל סיג וחלאה וחלודה שבנפשי, יען שלא יהיה הלבוש שהלבשתני מלא כתמים לפניך. ואהיה מן השבים אליך בכל לב, אם תעזרני לשוב, כי אין בי כח לבדי לנצח מלחמה חזקה כזאת מיצרי הלוחם בקרבי בכל כלי זעמו, אבל מגערתך ינוס ויברח, ובעזרתך בטחתי ובאתי עדיך.

**ב. יהי** רצון מלפניך ה׳ אלהי, שתצילני מיצר הרע אחר שובי לפניך, שלא יתגרה בי עוד בחזקה, רק לב לעשות כשר בלבד. שאם יתגרה בי אחרי שובי, הוא יתגרה בכל כוחו לאבדני באופן שלא אשוב עוד. וכיון שמגדיל לעשות כל כך מה שלא צוית לו, אף אתה הקהה את שניו לגרשהו מעלי מכל וכל. ואם אי אפשר זה, תעמוד לימין אביון

לעזרני לבל יצא מחשבתו של רשע בפועל, ומכל צרה וצוקה שהביא עלי במועצותיו על שהחטיאני לפניך הצילני. ותכונן מעשה ידי לעשות מלאכות השייכות להן במלאכת הקודש, כגון לכתוב ספרים ולקשור תפילין וציצית, ותרפא את מכותי ואת מכאובי אשר הכה בי אויבי מכות אכזרי. ולא ישמע בכי וזעקה בביתי, ולא שוד ושבר בגבולי מקול בכיה וצעקה מאיברי הצועקים עלי לאמר: למה זה רִמנו באמרו אלינו כל היום סייעוני לעברה כי טוב לכם! ועתה הם צועקים עלי לאמר: הבא לנו רופא מובהק לרפא אותנו! ובקשתי ולא מצאתי אלא אתה, ובלתך אין רופא מכיר ברפואתם. לכן רפא נא שברם ותפור הקרעים שגרמתי להם, כי אין תופר כמוך לתפור ישן להחזירו חדש מַמש. ואהיה מן יראיך ומעושי רצונך באהבה ושלא על מנת לקבל פרס, כדי שתקבלני לפניך במקום קיבול שכר מכל מצוות אשר אעשה לפניך מכאן ואילך ומכל אשר עשיתי מקודם. אך תשכילני שכל טוב מלפניך, למען אשכיל לקיים מצותיך בכוונתם כאשר עם רצונך, ולמען אעשה כל המוטל עלי לעשות, ולמען אפנה בכל דרכיך, עד היום אשר תאספני אליך ותוציאני מן העולם, משלום אל שלום, על ידי מלאכי שלום, ואמצא חן וחסד בעיניך ובעיני כל רואי, כדי שלא יעכבוני מלעבדך, וכדי שיהיו דברי מקובלים בסִפרי להם כי מקבל שבים אתה.

**ג. ובעוד**, נשמתי בי בחיים אשר קצבת עלי, כונן מענה לשוני לייסר לאותם אשר נטו מני דרך והלכו חושך ולא אור, כדי להיות מהמזכים את הרבים. וטהר מחשבות לבי, שלא אהיה נאה דורש ואין נאה מקיים, כאותם המחמירים על אחרים ומקילים על עצמם. והיה עם פי בעת הטיפי[א], ועם לבבי בעת מחשבתי, כדי שיהיו פי ולבי שוין לטובה. והיה עם ידי בעת מעבדי, שלא תצא תקלה ממעשי, לא לי ולא לאחרים, ועם רגלי בכל שבילי, שלא לעבור במקום טומאה נעלמת ממני. ואל אומר לפניך דבר שאינו הגון ושלא כרצונך, כי איני יכול

---

א) מלשון הכתוב "אטיף לך יין", פירושו דיבור.

להוציא כל דברי במשקל מאזני צדק. ואל יבהלוני חלומות רעים, יען שלא תדאג לבי עלי לבטלני מלעבדך בשמחה, כי אתה יודע רבון העולמים שרצוני לעשות רצונך, לכן הרחק ממאתים וארבעים ושמונה איברי, דבר המבטלני מדרכיך הטובים, והמליך עלי יצר טוב לשמור חוקיך ולעשות רצונך בהתמדה, כי נהייתי ונחליתי להלחם ביצרי הרע מלחמה חזקה ועצומה כמלחמת גוג ומגוג מעודי עד היום הזה, כי לא נפל בו השינה והתרדימה אפילו רגע אחד, כי תמיד נלחם בחזקה. וכל זמן שמזקין כחו מתגבר עליו כמדת הנחש והחזיר. ואף-על-פי שנתישן עמי, מצאתיהו שונא חדש. בקשתי אהבתו וכרתי ברית עמו שלא יזיקני, ומצאתיהו חופר גומות מאחרי להפילני נפילה בלי תקומה.

**ראיתיהו**, בחנתיהו, שאין לבטוח עליו, ובאתי בתפלה לפניך שתרחיקהו ממני, או להפכו לאוהב לי, לעשות חברה עם יצרי הטוב, שילכו שניהם יחד לבית-המדרש. וקבל תפלתי, ככתוב (תהלים ל"ט, ג'): "**שמעה ה' תפלתי ושועתי האזינה, אל דמעתי אל תחרש**". ותשים חלקי מיושבי בית המדרש, ותצליח כל ימי מלהכשל ליכנס בעצת רשעים ומלישב במושב לצים בבלי דעת, ותן לי לב נשבר ונדכה ושפל-רוח לפני כל בני-אדם, שלא תלכדני גאותי וכעסי לאבד מה שהרווחתי בתשובתי. ולמקללי נפשי תדום, כדי שיהיו הקללות כצרי לרפואה על כל מה שהעויתי לפניך רבון העולם. ושמרה לפי מחסום, שלא להשיב חורפי דבר, לסבול עוונות נעורי, ושלא יוכל שום בריה להזיקני, כדי שלא יבטלני מלעבדך נזק המזיק. וייחד לבבי לאהבה וליראה את שמך, כי חפץ חסד אתה. ויהיו דרכי מתוקנים נגד פניך, כדי שממני יראו וכן יעשו לעבדך. "**גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך**" (תהלים קי"ט, י"ח), כדי לגלות ליראי שמך עומק סודי תורתך.

**ואתה** יוצרי וגואלי, עורך שולחן לכל בריותיך, ומלאת פני תבל תנובה לתת חיים לעם עליה ומזון להולכים בה, תמציא ברחמיך הרבים ובחסדיך הגדולים מזונותי ופרנסתי שלימה בשפע גדול

ובדרך כבוד, ובהיתר ולא באיסור, בנחת ולא בצער, מידך ולא מיד בשר ודם, כדי שלא יהיה לי עיכוב המזונות סיבת ביטול מצותיך, ואל יעכב עלי שום קטרוג לפרנסתי, כי בך בטחתי שתרחיקם מלקטרג על מזונותי, כיון שכוונתי בהם לבל יהיה עיכוב וביטול לעבדך. ותן לי בנים ובנות שיקדישו את שמך בעולמך, ותתפאר עמהם בפמליא של מעלה שלך לאמר: ראו בריות אלו שבראתי בעולמי! וכל מלאכי רום יתאוו ויבואו לשמוע מפיהם חדושי-תורה, ויהיו יפים ומתוקנים בכל איבריהם בלי שום מום, ראוי להתקרב על גבי המזבח כאהרן קדוש ה׳. ואל ישלוט בהם, לא עין הרע ולא בחירת בני אדם ולא שום פגע רע ונזק, אמן נצח סלה ועד. ואל יתחלל שמך בי, ואל תעשני שיחה בפי הבריות על איזה דבר דופי, אך שימני שיחה בפי הבריות לדַבר מעשי הטובים, כדי שילמדו לשמור ולעשות כמוני, בראותם כח התשובה, שהרכבתני וקבלתני והגדלתני בריבוי מעשים טובים וזכיות אין מספר, שיעור העוונות שהרביתי, שהפכת אותם לזכיות בתשובתי (ע׳ יומא פו, א). **״אדנ״י שמעה בקולי, תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני״** (תהלים קל, ב). ענני ה׳ ענני בעת צרה ובעונה הזאת, ורחם עלי ועל נפשי ועל כל נפשות ביתי. ותייחד לבבי לאהבה וליראה את שמך תמיד כל היום בלי פיסוק רגע. ותבשרני בשורות טובות ממעונך, ותרפאני רפואה שלימה. רפואת הנפש ורפואת הגוף, וחנני דעה בינה והשכל לדעת את שמך הגדול. יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי, ברוך שומע תפלת השבים.

**ד. ואם** חס ושלום, רבונו של עולם, הרביתי לפשוע, עד שגדלו עוונותי לשמים ועשו פגם רב, עד שרבו הקטרוגים עלי לאין מרפא, כי חייבו כובד עוונותי לנעול לפני דלתי התשובה, ומדת הרחמים נהפכה לדין גמור, וכיון שכן, כל דברי תחנונותי ישא רוח ותעניותי נחשבים לאין, כאיש המוסגר במאסר, שאינו אוכל ושותה בעבור שאין לו – עם כל זאת, רבונו-של-עולם, איני זז מחִבָּתך, להיות מהמקוים רחמיך, ומלבקש ליכנס בחצרותיך. מה גם שמודעת זאת,

דחוצפא כלפי שמיא מהניא, וחוצפא מלכותא בלא תגא, כארז״ל (סנהדרין קה, א). לכן הנני עושה החיוב המוטל עלי להתודות כדרך כל השבים, ולבכות ולהתאבל על כל מה שהכעסתיך, כי ההפצרות מועיל, ואם לא יועיל, לא יזיק. ואף אם תשליכני בשתי ידים מלפניך שלא לקבלני, עם כל זאת איני זז מתחת כנפי חסדיך. ואף שעם כל זאת תחזירני לאין כאשר הייתי אין מקודם שיצרתני, די לי במה שנפקחו עיני לידע שיש דין וחשבון, ומנעתי עצמי מלהכעיסך במעשי המקולקלים ובטנופי מחשבותי, כי מעלה יותר גדולה מזו יכול אני להשיג, אחר שידעתי כי אלהי עולם ה׳ אתה. ומה גם שאבותי סִפרו, שדלתי תשובה לעולם פתוחים (דב״ר ב, יב), אין מסגר להם, ועוד למדנו (ז״ח רות פה, ט״א: וע׳ פסחים נד, א), כי העולם על התשובה תכנת יסודותיו, וידיך פשוטות לקבל שבים, ומתחת כסא כבודך פתחת פתח תקוה לקבל משם כל יוצא חייב בכל בתי דינין של מעלה ומטה.

**ה. ואם** יאמר האומר: הנה בכל זאת לא צדקת, כי כל זה נאמר על כל חוטא שבעולם ולא לך, משום שלא קדם חוטא כמוך! אדרבא, זאת היא נחמתי ולמשיב נפשי ולחוזק והבטחה לשוב ושתקבלני בודאי, כדי לפרסם עמי בכל צבא המרום ובכל מלכי האדמה באדמה, עד היכן מגיע כח של תשובה, לקבל חוטא אין כמוני במוקדמים ובמאוחרים. הכלל העולה, שאדרבה, כל חלקי הסותר המה ינחוני, הורוני, החזיקוני ואל התשובה הביאוני, ובזכות אשר עִם חוטא כמוני כח התשובה יתפרסם, עשה עמי אות לטובה לעטרני ולהכתירני בין הצדיקים בגן עדן, ויעבור כרוז לפני כה יאמר: הביטו וראו מעלת השבים, אשר פירסמו בעולם כי חנון ורחום אני, ארך אפים ורב חסד ואמת.

**ו. ועתה** אדון הסליחות, כדי להכניע יצרי הערל, אשים נגד עיני תמיד עומק שבעה מדורי גיהנם, כדי שיהיה מוראך על פני, והנם כתובים בספר **רזיאל**, דף לה. (בסוף הספר, ד״ה זה התפלה צריך לומר): ביום הששי ברא את האדם וכו׳, וברא שאול תחתית, ואבדון,

ובור שחת, וטיט היון, ושערי מות, ושערי צלמות, וגיהנם, ורשעים שבהם, מלאכי חבלה ממונים עליהם. מדור העליון: שאול תחתית, עמקו מהלך שלש מאות שנים. מדור שני: אבדון, עמקו מהלך שלש מאות שנה. מדור שלישי: בור שחת, עמקו מהלך שלש מאות שנה. מדור רביעי: טיט היון, עמקו מהלך שלש מאות שנה. מדור חמישי: שערי מות, עמקו מהלך שלש מאות שנה. מדור ששי: שערי צלמות, עמקו מהלך שלש מאות שנה. מדור שביעי: גיהנם, עמקו מהלך שלש מאות שנים. האש של שאול תחתית היא חזקה ששים ואחת מן האש של אבדון. האש של אבדון היא חזקה ששים ואחת מן האש של בור שחת. האש של בור שחת היא חזקה ששים ואחת מהאש של טיט היון. האש של טיט היון היא חזקה ששים ואחת מן האש של שערי מות. האש של שערי מות היא חזקה ששים ואחת מהאש של שערי צלמות. האש של שערי צלמות היא חזקה ששים ואחת מהאש של גיהנם (עד כאן לשונו). וביודעי שאדם נידון בשבע מדריגות אלו, כפי כובד חטאיו, והם מלאים אש וברד, רוח סערה וכו׳, חמת ה׳ עזה, אש וגפרית בוערת בנחלי זפת, ונחשים ועקרבים משונים נושכים את הנפש, ושם **״צלמות ולא סדרים, ותופע כמו אופל״** (איוב י׳, כ״ב)[ב], וצואה רותחת מחלאת סוגי הפשעים, אם כן איך יתחזק עלי יצרי להחטיאני.

**ז. ועם** כל זה אם לא יכנע, ויוציאני מדעתי לבלבל את שכלי למרוד לפניך, הבט משמיך וראה כי אין בידי עוד כח לעשות, אם לא שימינך תסעדני להצילני מידו, וכארז״ל (קידושין ל, ב): אלולא הקדוש-ברוך-הוא עוזרו לא היה יכול לו. ובהיותך בעזרתי לעשות חסד עמי, תנוח מלחמת יצרי המתגרה בי, ואז באותו זמן שאני פנוי חייב אני להודות להלל ולפאר ולשבח ולרומם ולברך ולגדל ולקדש ולייחד ולהמליך שמך עלי בקצת תְּאָרֶיךָ הכתובים בספר **רזיאל** (בסוף הספר, ד״ה זה מעשה בראשית).

---

ב) אשר אין שם סדרי העתים, קור וחום קיץ וחורף. ותופע, כלומר היום ההוא

**ח. מלך** אמת, מלך אביר, מלך אחד, מלך אחרון וראשון, מלך אדון, מלך אמיץ. מלך ברוך, מלך ברור, מלך בחור, מלך בורא, מלך בוחן. מלך גדול, מלך גבור, מלך גאה, מלך גואל, מלך גבוה, מלך גונן. מלך דר במרומים, מלך דגול, מלך דין, מלך דורש דמים, מלך דובר שלום, מלך דורש צדקה. מלך הדור בלבושו, מלך הוגה המולה, מלך הוד, מלך הדר. מלך ועד, מלך ותיק, מלך אומר ועושה. מלך זך, מלך זן, מלך זוכר נשכחות, מלך זוקף כפופים, מלך זוכר רחמים. מלך חסין, מלך חסיד, מלך חנון ורחום, מלך חי העולמים, מלך חי וקים לנצח, מלך חזק, מלך חונן דלים, מלך חוקר כליות, מלך חי החיים, מלך חוצב להבות אש. מלך טוב ומֵטיב, מלך טוב וישר, מלך טהור, מלך טוב לטובים ולרעים, מלך טוב לקֹוָיו. מלך יחיד, מלך ישר, מלך יקר, מלך יודע ועד, מלך יושב בסתר, מלך יציב, מלך יתלונן. מלך כבוד, מלך כביר, מלך כונן כסא בצדק, מלך כובש כעסים. מלך לובש צדקה כשריון, מלך לעד לעולם, מלך לוהט, מלך לובש רחמים. מלך מוחל וסולח, מלך ממית ומחיה, מלך מכפר, מלך מעביר על כל פשע, מלך מכסה, מלך מהודר, מלך מוריד ומעלה, מלך מוריש ומעשיר, מלך משפיל ומרומם, מלך מטריף ומכלכל, מלך מפרנס ומעודד, מלך מרום ונשא, מלך מלא רחמים, מלך מלא זכיות, מלך מהולל בתשבחות, מלך מלכותו לנצח, מלך מושל על כל, מלך מפליא פלאות, מלך מצמיח ישועה, מלך מבטח ומשען, מלך מתיר אסורים, מלך מוציא אסירים, מלך ממליך מלכים, מלך משובח ומפואר. מלך נורא עלילה, מלך נערץ, מלך נשגב, מלך נשא ונפלא, מלך נאמן, מלך נכבד, מלך נעים ונחמד, מלך נוצר חסד, מלך נאה, מלך נושא עון, מלך נבון, מלך נצח נצחים. מלך סומך נופלים, מלך סובל עולמים, מלך סתר, מלך סתרך להבי אש ועֲנני כבוד, מלך סולח עוונות, מלך שגיא עוז וכח. מלך עזוז וגבור, מלך עליון ונורא, מלך עונה בצרה, מלך עובר על פשע, מלך עושה פלא, מלך עושה מעשה בראשית, מלך עתיק, מלך עריץ ואמיץ.

---

כמו אופל הלילה.

מלך פודה ומציל, מלך פועל ישועות, מלך פותח יד לכל. מלך צדיק וישר, מלך צח ואדום, מלך צופה עתים, מלך צור עולמים, מלך צח צבי צבאות. מלך קדוש ונורא, מלך קרוב לקוראיו, מלך קנוא ונוקם, מלך קונה שמים וארץ, מלך קדושתו למעלה, מלך קדם למעלה. מלך רם ונשא, מלך רחום וחנון, מלך רם על רמים, מלך רוכב ערבות, מלך רוכב על כסא כבוד ועל הכרובים ועל כנפי הרוח, מלך רוצה בתשובה. מלך שוכן שחקים, מלך שומע תפלה, מלך ש-די, מלך שוכן במעלות. מלך תקיף, מלך תמים דרכו, מלך תולה ארץ על בלימה, מלך תהלתו במעלה ובמטה, מלך ששמו מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא, ולו המלוכה הרחמים והסליחות. מלך סולח לכל עוונֵכי הרופא לכל תחלואיכי, מלך עושה עמי ועם כל העולם אות לטובה בעבור שמו הגדול, שנאמר (תהלים קמ״ז, י״ט): ״**מגיד דבריו ליעקב**״. וכיון שבהיותי פנוי מיצרי איני מתעסק כי אם להודות את שמך, אם כן גרשהו מקרבי, הכניעהו, השפילהו ואבדהו.

**ט. ואם** תאמר, יוצרי וגואלי, להחזיקו בקרבי, לתת לי שכר מצוות בעבורו בהיותי עמו בעל בחירה – טוב לי להודות לפניך תמיד בלי קבלת שכר, מהיותי רשע לפניך אפילו רגע כמימריה. ונשמתי אשר בקרבי לובשת קדרות בחטאי לפניך, ומיללת ומקוננת עלי: איך השלכת כתם בלבוש המלך, שהיא מתחת כסא הכבוד חוצבה, ומי יוכל לסבול לראות בכל עת נשמתו מתאבלת. טוב לי שיצרי חלל בקרבי, ולא בעי, לא הוא ולא שכרו, שאין טוב לאדם כי אם לעבוד לבוראו, לפארו ולרוממו כמלאכים שבמרום.

## אין אידיש

**א. יתודה האדם,** דער מענטש זאָל זיך מתוודה זיין און זאָל פאַרלאָזן די זינד וואָס ער האָט געטאָן און זאָל

נישט אויפהערן צו בעטן דערבאַרעמדיגקייט פון השם יתברך, און השם יתברך וועט זיך אַוודאי מרחם זיין איבער אים, ווייל ער איז אַ דערבאַרעמדיגער גאָט, און אַזוי זאָל ער זאָגן.

**אנא**, איך בעט דיך, השם יתברך, מיין גאָט וואָס דו האָסט מיך באַשאַפן, לאָז דיין ווערק נישט אומזיסט זיין, מיך אומצוקערן גלייך ווי איך בין גאָר נישט געווען, ווייל איך האָב דיך דערצערנט, דען דו האָסט מיך באַשאַפן פון ליים, דו ווייסט דאָך אַז ליים פאַרשמירט יעדן אָרט וואָס עס רירט אָן. דעריבער איז דאָך קיין חידוש נישט וואָס איך האָב געזינדיגט. און דערויף האָסטו מיך באַשאַפן, כדי ווען איך וועל קומען חרטה האָבן אויף מיינע בייזע מעשים זאָלסטו מיר העלפן דערצו. אַצינד בין איך געקומען פאַר דיר, ווייל עס קען קיינער נישט פאַרריכטן מיין בראָך אַזוי ווי דו, ווייל דו האָסט מיך באַשאַפן, דעריבער ווייסטו צו פאַרריכטן דאָס אָרט פון דעם בראָך, און אויך קיינער ווייסט נישט די צרה פון מיין לייב נאָר דו, און דער וואָס דערקענט אין דער צרה דערבאַרימט זיך נישט. לכן, דעריבער זיי מקבל מיין תשובה, טו דאָס פון דיינעט וועגן אויב נישט פון מיינעט וועגן און רייניג מיך פון אַלע ראָסטן און זשאַווער וואָס איז אין מיין נשמה, כדי דאָס קלייד, דער גוף, זאָל נישט זיין פאַר דיר פול מיט פלעקן, און איך זאָל זיין פון די וואָס טוען תשובה צו דיר מיט דעם גאַנצן האַרץ אויב דו וועסט מיר העלפן תשובה טאָן, ווייל איך אַליין האָב קיין מאַכט נישט מנצח צו זיין אין אַזאַ שטאַרקע מלחמה, וואָס מיין יצר הרע האַלט מיט מיר, אָבער פאַר דיין געשריי וועט ער אַנטלויפן, און אויף דיין הילף האָב איך מיך פאַרזיכערט און בין געקומען צו דיר.

**יהי**, עס זאָל זיין דער ווילן פון דיר, גאָט, מיין גאָט, דו זאָלסט מיך מציל זיין פון דעם יצר הרע ער זאָל זיך מיט מיר מער נישט רייצן מיט שטאַרקייט. שטיי ביי מיין רעכטע האַנט צו העלפן מיר אַז ער זאָל מיך נישט מאַכן פאַרלירן ח"ו, אַזוי ווי זיין מחשבה איז, פון אַלע צרות

פון ענגשאַפט וואָס ער ברענגט אויף מיר מיט זיינע עצות, ווייל איך האָב געזינדיגט פאַר דיר, זיי מיך מציל.

**ותכונן,** און שטאַרק מיינע הענט צו טאָן די הייליגע מלאכות וואָס געהערן צו די הענט, דהיינו צו שרייבן ספרים און צו לייגן תפילין און ציצית, און זאָלסט היילן מיינע שלעק און ווייטאָג וואָס מיין פיינט האָט מיך געשלאָגן מיט שלעק פון אכזריות, און קיין שום געוויין און געשריי זאָל נישט געהערט ווערן אין מיין גבול וואָס מיינע איברים שרייען אויף מיר, ווייל האָסטו אונז מרמה געווען, דו האָסט אונז געזאָגט, העלפט מיר צו טאָן די עבירות וועט אייך גוט זיין, און אַצינד שרייען זיי צו מיר, גיב אונז אַ רעכטן דאָקטאָר ער זאָל אונז היטן פון אונזערע זינד. האָב איך געזוכט און האָב נישט געפונען נאָר דיך, השם יתברך, און אַחוץ דיר קען קיין שום דאָקטאָר זיי נישט היילן, דעריבער הייל זייער בראָך און פאַרניי די ריסן וואָס איך האָב איינגעריסן, ווייל דו קענסט פאַרנייען אַלטע זאַכן גאָר ווי נייע.

**ואהיה,** און איך זאָל זיין פון די וואָס פאָרכטן זיך פאַר דיר און טוען דיין ווילן מיט ליבשאַפט און נישט וועגן שכר. דו זאָלסט מיר געבן שכל מקיים צו זיין דיינע מצות ווי דיין ווילן איז און איך זאָל גיין אין דיינע וועגן ביז דעם טאָג וואָס דו וועסט מיך רופן צו דיר, און פיר מיך פון שלום צו שלום דורך די מלאכים פון שלום, און איך זאָל געפינען חן וחסד אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון די וואָס זעען מיך, זיי זאָלן מיך נישט שטערן פון צו דינען דיך, און מיינע רייד זאָלן זיין אָנגענומען צו מענטשן ווען איך וועל זיי שטראָפן פאַרוואָס זיי נייגן אָפּ פון גוטן וועג, איך זאָל זיין פון די וואָס זענען מזכה הרבים. און ריייניג מיינע מחשבות איך זאָל נישט זיין ווי די וואָס שטראָפן אַנדערע און זענען עס אַליין נישט מקיים, צו אַנדערע זענען זיי מחמיר און פאַר זיך אַליין זענען זיי מקיל.

**והיה,** און זיי מיט מיין מויל ביי מיין רעדן און מיט מיין האַרץ ביי

מיין טראַכטן. מיין מויל און מיין האַרץ זאָלן גלייך זיין צו גוטן, און זיי מיט מיינע הענט אַז איך וועל עפּעס טאָן עס זאָל נישט קומען קיין שטרויכלונג נישט צו מיר און נישט צו אַנדערע, און מיט מיינע פיס בשעת מיין טרעטן, איך זאָל נישט גיין אויף איין שלעכט אָרט און איך זאָל נישט זאָגן אַ זאַך וואָס איז נישט רעכט און נישט ווי דיין ווילן איז, און שלעכטע חלומות זאָלן מיך נישט דערשרעקן. מיין האַרץ זאָל זיך נישט זאָרגן וועל איך דיך קענן דינען בשמחה, דען דו ווייסט אַז מיין ווילן איז צו טאָן דיין ווילן.

**לכן,** דעריבער, דערוויטער מיינע צוויי הונדערט אַכט און פערציג איברים פון אַ זאַך וואָס קען מיך אָפּפירן פון דיין גוטן וועג, און מאַך איבער מיר קיניגן דעם יצר טוב, צו היטן דיין געזעץ און צו טאָן דיין ווילן תמיד, ווייל איך בין שוואַך צו האַלטן מיט מיין יצר הרע אַזוי אַ שטאַרקע מלחמה. תמיד שטרייט ער מיט מיר, און וואָס ער ווערט עלטער ווערט זיין כח געשטאַרקט אַזוי ווי אַ שלאַנג, און כאָטש ער האָט זיך געעלטערט מיט מיר איז ער מיר אַ שונא. איך האָב מיט אים כורת ברית געווען און ער גראָבט אונטער מיר איך זאָל קיין תקומה נישט האָבן און איך בין געקומען בעטן פאַר דיר אַז דו זאָלסט אים דערוויטערן פון מיר.

**וקבל,** און נעם אָן מיין תפילה און גיב מיין חלק ווי די וואָס זיצן אין בית המדרש און זיי מיך מציל פון צו זיצן אין דער זיצונג פון די שפּעטערס, און מיין האַרץ זאָל זיין נידעריג פאַר ערליכע מענטשן און מיין כעס זאָל מיך נישט מאַכן פאַרלירן וואָס איך האָב מרויח געווען מיט מיין תשובה, און מיין לייב זאָל שווייגן צו די וואָס שעלטן מיך און פאַרגיב אַלץ וואָס איך האָב געזינדיגט פאַר דיר.

**ויהיו,** און מיינע וועגן זאָלן רעכט און גוט זיין אַז לייט זאָלן זען און זאָלן אויך אַזוי טאָן צו דינען דיך. אַנטפּלעק מיינע אויגן און

דאַן וועל איך זען וואונדערלעכע זאַכן אין דיין תורה, כדי צו אַנטפּלעקן די סודות פון דיין תורה.

**ואתה,** און דו, מיין באַשעפער, דו געבסט שפייז צו אַלע באַשעפענישן און האָסט אָנגעפילט די וועלט מיט פרוכט צו געבן שפייז צו די אַלע באַשעפענישן. זאָלסטו מיט דיין פיל רחמנות און גרויסע חסדים שיקן מיין שפייז און מיין פרנסה מיט גרויס שפע און מיט כבוד בהיתר און נישט באיסור מיט נחת און נישט פון קיין בשר ודם, כדי איך זאָל נישט דאַרפן מבטל זיין דיינע מצוות, און קיין שום קיטרוג זאָל נישט מעכב זיין מיין פרנסה.

**ותן,** און גיב מיר אַזעלכע זון און טעכטער זיי זאָלן הייליגן דיין נאָמען און זאָלסט זיך מיט זיי רימען צווישן דיינע מלאכים און זיי זאָלן זיין שיין און געראָטן אין אַלע זייערע איברים אָן אַ מום, און קיין עין הרע זאָל אין זיי נישט שולט זיין קיין שום פּגע און שאָדן אמן סלה.

**ואם,** און אויב ח"ו מיינע זינד האָבן געמאַכט אַ גרויסן פּגם, איך קען שוין נישט געהיילט ווערן, ווייל מיינע עבירות האָבן מחייב געווען צו פאַרשליסן פאַר מיר די טירן פון תשובה, און די מדת הרחמים איז אויף מיר איבערגעקערט געוואָרן צו מדת הדין, און אַלע מיינע רייד וואָס איך בעט וועט דער ווינט אַוועקטראָגן, און מיינע תעניתים העלפן נישט.

**עם כל זה,** רבונו של עולם, פונדעסטוועגן טרעט איך נישט אָפּ פון דיין ליבשאַפט און טו האָפן אויף דיין רחמנות. איך טו מתוודה זיין ווי אַלע וואָס טוען תשובה און טו וויינען און קלאָגן אויף דעם אַלעמען וואָס איך האָב דיך דערצערנט, ווייל שטאַרק בעטן העלפט און די טירן פון תשובה זענען אייביג אָפן, און די יסודות פון דער וועלט זענען אָנגעגרייט אויף תשובה און דיינע הענט זענען אָפן אָנצונעמען תשובה, און פון אונטער דיין כסא הכבוד ביסטו מקבל די

בעלי תשובה, וואָס גייען אַרויס שולדיג אין אַלע בתי דינים פון דעם הימל און דער ערד.

**ועתה,** און יעצט, האַר פון פאַרצייאונג, כדי אונטערטעניג צו מאַכן מיין יצר הרע וועל איך מיר פאָרשטעלן פאַר מיינע אויגן שטענדיג, די טיפקייט פון די זיבן מדורים (אָפּטיילונגען) פון גיהנם, זיי שטייען אין ספר **רזיאל**. אין דעם זעקסטן טאָג האָט השם יתברך באַשאַפן דעם מענטש און די זיבן מדורי גיהנם וואָס זיי הייסן שאול, אבדון, בור שחת, טיט היון, שערי מות, שערי צלמות, גיהנם, און די מלאכי חבלה זענען ממונים איבער די רשעים וואָס זיצן אין זיי.

**מדור,** דער אויבערשטער מדור איז "**שאול תחתית**". דריי הונדערט יאָר גאַנג. דער צווייטער מדור איז "**אבדון**". דער דריטער מדור איז "**בור שחת**". דער פערטער מדור איז "**טיט היון**". דער פינפטער איז "**שערי מות**". דער זעקסטער איז "**שערי צלמות**". דער זיבעטער איז "**גיהנם**". און די טיף פון יעדעס באַזונדער איז דריי הונדערט יאָר גאַנג.

**האש,** דאָס פייער פון "שאול תחתית" איז איין און זעכציג מאָל שווערער פון דעם פייער פון "אבדון". דאָס פייער פון "אבדון" איז איין און זעכציג מאָל שטאַרקער פון דעם פייער פון "בור שחת". דאָס פייער פון "בור שחת" איז איין און זעכציג מאָל שטאַרקער פון דעם פייער פון "טיט היון". דאָס פייער פון "טיט היון" איז איין און זעכציג מאָל שטאַרקער פון דעם פייער פון "שערי מות", און פון "שערי מות" איז איין און זעכציג מאָל שטאַרקער פון דעם פייער פון "שערי צלמות". דאָס פייער פון "שערי צלמות" איז איין און זעכציג מאָל שטאַרקער פון דעם פייער פון "גיהנום".

**וביודעי,** און ווייל איך ווייס אַז דער מענטש ווערט גע'משפט אין די זיבן מדורי גיהנם לויט זיינע שווערע זינד, און זיי זענען פול מיט פייער און האָגל, שטורעם-ווינט, שוועבל און פעך ברענט

דאָרט און שלאַנגען און עגדיסן שרעקליכע בייסן רשעים, און דאָרט איז פינסטער און דאָרט איז צומישט היץ זומער און ווינטער, און דער טאָג איז פינצטער ווי נאַכט.

**אם כן,** נו, אַז עס איז יאָ אַזוי, ווי קען זיך שטאַרקן דער יצר הרע איבער מיר צו מאַכן מיך זינדיגן. און אויב דער יצר הרע וועט מיט דעם אַלעמען אויך נישט אונטערטעניג ווערן און וועט מבלבל זיין מיין שכל צו מורד זיין אין דיר, זע פון דיין הימל אַז איך האָב מער קיין מאַכט נישט און דיין רעכטע האַנט זאָל מיך אונטערלענען, ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט ווען השם יתברך זאָל נישט העלפן דעם מענטש וואָלט ער דעם יצר הרע נישט בייגעקומען. אַז דו וועסט זיין אין מיין הילף וועט געשטילט ווערן די מלחמה פון דעם יצר הרע, וואָס ער רייצט זיך מיט מיר.

**ואז,** און אַז איך וועל רואיג זיין פון די מלחמות פון דעם יצר הרע וועל איך דאַנקען און לויבן, באַשיינען און דערהייבן, און אַכפּערן און הייליגן און איינציגן און מאַכן קיניגן דיין נאָמען אויף מיר מיט אַ טייל דיינע שבחים וואָס שטייען אין ספר **רזיאל** דיין מלאך וכו׳. און ווייל אַז איך וועל זיין ליידיג פון יצר הרע וועל איך עוסק זיין צו לויבן דיין נאָמען. דעריבער טרייב אים אַוועק פון מיר, מאַך אים אונטערטעניג, מאַך אים נידעריג.

**ואם,** און אויב דו וועסט זאָגן, מיין באַשעפער, אַז דעריבער וועסטו אים אין מיר שטאַרקן כדי אַז איך וועל אים גובר זיין וועסטו מיר געבן שכר, זאָג איך דיר אַז פאַר מיר איז בעסער צו לויבן דיך תמיד ווען איך זאָל אַפילו קיין שכר נישט נעמען דערפאַר איידער איך זאָל ח״ו זיין איין רגע פאַר דיר אַ רשע, און מיין נשמה טרויערט איבער דעם וואָס איך האָב געזינדיגט פאַר דיר און זי קלאָגט אויף מיר ווי האָב איך זי איינגערעכט וואָס זי איז גענומען געוואָרן פון אונטער דעם כסא

הכבוד, און ווער קען ליידן דעם צער צו זען שטענדיג ווי מיין נשמה קלאָגט.

**טוב,** עס איז מיר בעסער, אַז דער יצר הרע זאָל נישט זיין אין מיר און איך וויל נישט אים און נישט זיין שכר, ווייל פאַר דעם מענטש איז נאָר גוט צו דינען זיין באַשעפער, צו באַשיינען אים און צו דערהייבן אים אַזוי ווי די מלאכים פון הימל, ע״כ.

**ב. ואל,** און דער זינדיגער זאָל נישט טראַכטן, ווייל מיין נשמה איז פון דעם הימל און מיין גוף פון דער ערד וועלן די הימל און ערד פאַר מיר ממליץ זיין ביי דעם יום הדין. דאָס איז איין טעות, ווייל ווען אויף זיך אַליין קענען זיי נישט העלפן, איז שוין אַ כל שכן אויף אַנדערע. אדרבא, זיי וועלן אויף אים מקטרג זיין וואָס ער האָט זיך מטמא געווען. ואדרבא, און דער זינדיגער דאַרף זיך פון זיי לערנען צו פאַררעכטן זיינע מעשים, דען ער זאָל זען די זון אין די לבנה און די שטערן וואָס דינען דעם אויבערשטן און האָבן יאָ שכר פאַר זיין דינסט, דאַרף ער זיך אַוודאי מטריח זיין צו דינען זיין באַשעפער און זאָל נישט פאַרלירן איין רגע פון זיין לעבן, ווייל השם יתברך האָט אים מזכה געווען מקבל צו זיין שכר. אויך זאָל ער זיך גלייכן צו ביימער וואָס אַלע יאָר וואַקסט אויף זיי פּירות, אַזוי דאַרף דער מענטש מערן יעדעס יאָר פיל מצות.

## דער רשע אַנטלויפט פון הערן דברי תורה, און דברי תורה איז ביי זיי, אַזוי ווי דער קאַפּיטל "ויהי נועם" וואָס מאַכט אַנטלויפן די שדים.

**ג. ילמוד,** דער רשע דאַרף זיך לערנען פון די פליגן, אַז פונקט אַזוי ווי זיי רוען אויף יעדע מיאוסע זאַך, רוען זיי אויך אויף האָניג. צום ווייניגסטן דאַרף דער רשע אויך אַזוי טוהן, דאָס אַזוי ווי ער טוט עבירות זאָל ער אויך טוהן מצות, און ער טוהט נישט אַזוי, נאָר ער אַנטלויפט פון אַלע מצות, אַזוי ווי איינער אַנטלויפט פון אַ לייב. ער

רעדט טאָג און נאַכט פוסטע רייד. און אַז איינער עפנט אַ ספר צו לערנען פאַר אים, אַנטלויפט ער תיכף ווי די שדים אַנטלויפן פאַר ויהי נועם.

**ועוד,** נאָך איין משל, עס איז געגליכן צו אַ מענטש וואָס זיין ווייב און קינדער זענען ביי אים געשטאָרבן און ער איז זייער באַזאָרגט. נו, אַז מען זאָל קומען פאַר אים מיט געזאַנג וועט ער אַוודאי אַנטלויפן. אַזוי אויך די נשמה פון דעם רשע קלאָגט תמיד ווייל זי זעט די שטראָף וואָס וועט איר גרייכן אויף אירע שלעכטע ווערק, דען כאָטש דער רשע זעלבסט זעט נישט, אָבער די נשמה זעט יאָ איר עונש. דעריבער, אַז דער צדיק לערנט תורה וואָס מאַכט פרייען דאָס האַרץ, קען דער רשע נישט הערן, און צוליב דעם אַנטלויפט ער פאַר דברי תורה.

## דער יצר הרע רעדט איבער דעם רשע אַז אויב ער וועט אָפּלאָזן זיינע פאַרגעניגענס וועט ער שטאַרבן, און אין פסוק שטייט "וחי בהם", דרש'ענען די חז"ל דערויף "ולא שימות בהם"

**ד. ודע,** זאָלסט וויסן, אַז דער יצר הרע רעדט אָן דעם רשע ער זאָל נישט פאַרלאָזן זיינע מעשים. ער זאָגט אים עס שטייט "**וחי בהם**", דו זאָלסט לעבן מיט די תורה ומצוות, אָבער צוליב סכנות נפשות מעגסטו עובר זיין אויף איין מצוה, און דעריבער קענסטו נישט אָפּלאָזן דיין געוואוינהייט, טאָמער וועסטו שטאַרבן אַז דו וועסט דאָס נישט טוהן, ווייל די ביסט שוין אַזוי געוואוינט געוואָרן. אַזוי רעדט דער יצר הרע אָן דעם רשע. זו היא, אָבער ער דאַרף זיך אָפּלערנען פון איין עושר ווס איז אָרים געוואָרן כאָטש ער איז געוואוינט געוואָרן מיט תענוגים, פונדעסטוועגן אַז ער איז אָרים עסט ער געמיינע עסן און לעבט פאָרט.

## אַסאַך שוועריגקייטן גייען אַריבער אויף דעם אָרימאַן, און ער שטאַרבט נישט

**ה. ומה,** און וויפיל צרות עס איז צו אַן אָרימאַן און ער שטאַרבט נישט. זיינע קינדער בעטן ברויט און ער האָט זיי נישט צו געבן. ער גייט אַרויס זוכן פרנסה ווייסט ער נישט וואו אַהין ער זאָל גיין און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים, ווייל זיי ווייסן נישט פון זיין צער, און ער גייט אַרום ביז זיינע פיס ווערן געשוואָלן. און זיין אָרים ווייב קוקט דורך די פענצטער, ווי זי דערהערט אַ מענטש גיין טראַכט זי, אָט קומט ער אָן און טראָגט שפייז און ברויט, און אַז דער מענטש גייט פאַרביי זעט זי אַז דאָס איז נישט איר מאַן, קערט זי זיך ווידער צו אירע קינדער מיט טרויערקייט און שרייט, אוי, מיינע קינדער. און אַ גאַנצן טאָג גייט ער אַרום אין די גאַסן, טאָמער וועט ער עפּעס קריגן צו פאַרדינען. אַז עס ווערט נאַכט קומט ער אַהיים מיט ליידיגע הענט, ער טוט אָפּ די בושה און בעט פון מענטשן צדקה און זיין פּנים ווערט פיל מיט פאַרבן און געגענט צום געוועלבל וואָס פאַרקויפט עסנוואַרג און בעט צו באָרגן אַ ברויט און קומט צוריק מיט דעם לחם צר. זיין ווייב און קינדער כאַפּן דאָס ברויט צו דערקוויקן זייער נשמה און מחמת זיי ווערן נישט זאַט מיט דעם ברויט טרינקען זיי זיך אָן מיט וואַסער און זיי פאַלן ווי קראַנקע אָן כח ביז זיי ווערן שטאַרק אַנטשלאָפן מיט צומישטע חלומות פון קאָפּ ווייטאָג וואָס זיי האָבן און דער פאָטער נעכטיגט אין תענית און שלאָפן קען ער נישט. ער שפּעטיגט זיך צו גיין אין גאַס, ער טראַכט זיך פאַרוואָס זאָל איך אומזיסט גיין. זיצט ער אין דער היים, און אַז זיין ווייב און קינדער זעען אַז זייער האָפענונג איז פאַרלוירן, גייען זיי אַרויס אויף דער גאַס צו זוכן אין די מיסטן, טאָמער וועלן זיי געפינען שאָלעכץ פון פּירות זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו דערקוויקן זייער לייב, און צום סוף גייען זיי אין די הייזער בעטן ברויט און זייער אָרעמע מוטער טראָגט אויף די הענט דאָס קליינע קינד און גייט בעטלען.

**ובעלה,** און דער מאַן שרייט איר נאָך, טאָמער וועט השם יתברך זיך דערבאַרעמען און וועסט קריגן עפעס עסן פאַר מיר, און דער מאַן האָפט צו זיין ווייב ווען וועט זי שוין קומען און זי קומט און ברענגט אים גאָרנישט און דער מאַן לייגט זיך שלאָפן מיט קלאָג. און ווייל דאָס איז נאָר אַ טייל צרות פון דעם אָרימאַן האָט מען אים נישט צו באַשולדיגן אויב זיינע מעשים זענען שלעכט, ווייל זיין האַרץ איז נישט מיט אים.

## די וועגן פון דעם אָרימאַן זעען אויס שענדליך אין די אויגן פון דעם רייכן מענטש, און מיט דעם אַלעם זענען זיי גלייך

**ו. ודע,** און ווען די וועגן פון דעם אָרימאַן ווייזן אויס שלעכט, פונדעסטוועגן זענען זיי נישט אַזוי שלעכט, נאָר דער עושר ווייסט נישט אין דעם דוחק פון דעם אָרימאַן און אַז ער זעט דעם אָרימאַן גיין אין ווינטער אָדער אין אַ גאָס רעגן, איז ער זיך מרחם און רופט אים אַריין. ווי דער אָרימאַן קומט אַריין זעט ער דער עושר זיצט אין שיינע חדרים און אונטער אים איז אויסגעבעט טאַפעטן, זעצט ער זיך פון וייטן. דער עושר רופט אים ער זאָל צוגיין און זאָל אויסטאָן זיין אויבערשטע קלייד, און דער אָרימאַן קען נישט אַנטפּלעקן זיין שאַנד וואָס זיינע פיס און זיינע קליידער זענען איינגערעכט. רעכנט דער עושר אַז ער האָט שלעכטע מדות און וויל שוין מיט אים נישט רעדן.

**וכשמקרבו,** און אַז ער זעצט זיך צום טיש עסן, שעמט ער זיך וואָס ער האָט גרויסע נעגל, ווייל ער האָט נישט קיין מעסערל אָפּצושניידן די נעגל און ער עסט גיך ווייל ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, און אַז דער עושר זעט אַז ער כאַפּט און עסט נישט מיט דרך ארץ טראַכט ער זיך, ווי איז צו דעם וואָס ברענגט איין אָרימאַן אין זיין הויז אַריין און ער פאַרשטייט נישט אַז דער אָרימאַן איז זייער הונגעריג און זאָגט אַז די אָרעמע לייט האָבן קיין דרך ארץ נישט

און זענען מיט אַזעלכע מדות, ווייל דער עושר ווייסט נישט פון זיין עניות רעכנט ער אים פאַר איין שלעכטן.

**דער רשע זאָל זיך אַראָפּלערנען פון דעם אָרימאַן וויפיל ער איז זיך מוסר נפש מקיים צו זיין די מצוות, און ער שטאַרבט נישט**

**ז. ואתה,** און דו רשע, אַז דו זעסט דעם צער פון דעם אָרימאַן, און אַפילו ווען ער איז פריער געווען אַן עושר ליידט ער דאָס אָרימקייט און לעבט פאָרט, און ווי זאָגסטו, רשע, אַז דו ווערסט אַוועקוואַרפן דיין רגילות וועסטו שטאַרבן. וואַרף אַוועק דיינע שלעכטע מעשים וועסטו לאַנג לעבן און דיינע פיל זינד וועלן איבערגעקערט ווערן צו זכיות און אַלע וועלן דיך ליבן ווייל דו האָסט פאַרלאָזט דיין רגילות וועגן די ליבשאַפט פון השם יתברך, און זיי וועלן דיר זאָגן, וואויל איז דעם מענטש וואָס ער איז געגאַנגען אין דער פינצטער און איז אַרויסגעגאַנגען צו אַ קלאָר און לויטער ליכט, דאָס גוטס וואָס איז באַהאַלטן צו די צדיקים וועט פון אים נישט פאַרמיטן ווערן און מען וועט אים שטעלן אין דער איינזאַמלונג פון הייליגע אידן.

**דער זינדיגער זאָל טוהן אַנטקעגן זיינע אויגן די שלעכטע פאַסירונגען, מיתות משונות, מלחמות, חורבנות און אַזוי ווייטער – דאַן וועט זיין פאַרשטאָפּט האַרץ ווערן אונטערטעניג צוליב מורא, טאָמער וועט מיט אים פאַסירן איינע פון די אַלע פאַסירונגען.**

**ח. ישים,** דער רשע זאָל זיך שטאַרקן און אונטערטעניג מאַכן זיין יצר הרע, דען וויפיל בחורים און מיידלעך זענען געשטאָרבן פאַר זייער חופּה און וויפיל שטאַרבן מיתות משונות, ער זאָל באַטראַכטן, אַז קליינע קינדער שטאַרבן און פאָטער און מוטער

זענען עס צו און זייער הארץ איז פארשניטן פון צרות. וויפיל ווערן בלינד און הונגעריג.

**ישים**, ער זאָל באַטראַכטן ווי די וועלט איז חרוב געוואָרן אין דור המבול און הפלגה. אויך די גזירה פון דעם דור המדבר, אויך די צרות וואָס די אידן האָבן געהאַט אין די צייטן פון המן. אויך זאָל ער טאָן קעגן זיינע אויגן די קללות פון משנה תורה, און אויך וויפיל מענער און ווייבער האָבן קיין קינדער נישט און פרעמדע ירש'ענען זייער פאַרמעגן. אויך וויפיל גרויסע עשירים גייען אויף דער עלטער בעטלען אין די הייזער מיט גרויס שאַנד.

**ישים**, ער זאָל באַטראַכטן וויפיל מענטשן ווערן דערטרונקען און די פיש עסן זיי אויף. וויפיל ווערן פאַרצוקט פון חיות רעות און קומען נישט אַפילו צו קבורה. וויפיל מענטשן ווערן משוגע און גייען נאַקעט און באָרוועס. וויפיל הייזער ווערן חרוב און וויפיל שטעט ווערן פאַרברענט.

**ישים**, ער זאָל דענקן וועגן מענטשן וואָס קרענקן פיל יאָר און אין דעם טאָג וואָס זיי ווערן געהיילט און גייען אַרויס אויף דער גאַס, פאַלן זיי אַריין אין די האַנט פונעם פיינט און ער הרג'עט זיי מיט מיתות משונות. אויך פיל ווייבער גלוסטן צו קינדער און צום סוף פון זייערע יאָרן געווינען זיי אַ קינד און שטאַרבן אין קינדערבעט און דאָס קינד קומט אָן צו אַן אם. אויך פיל יתומים און אלמנות גייען נעבעך אַרום און קיינער האָט זיי נישט אונטערצולענען און שטאַרבן אָן רחמנות. אויך זאָל ער דענקען, אַז פיל מענטשן וואָס זענען גרויסע בעלי חובות, נעמען זיך דאָס לעבן. אויך פיל מענטשן ווערן דערשלאָגן פון אַ דונער. אויך דאָס קלאָג איבער צרות און מתים. אויך די צרות פון אַזעלכע וואָס האָבן נישט געקענט פאָטער און מוטער, ברידער און שוועסטער און זענען נאָר אַליין אויף דער וועלט.

**ישים**, אויך זאָל ער זיך פאָרשטעלן, ווי אַ מאַן פייניגט זיין ווייב,

אָדער אַ פרוי פייניגט איר מאַן דורך קריג און פיינטשאַפט. ער זאָל טאָן קעגן זיינע אויגן, ווי אַמאָל ווערט אַ בן יחיד צושיידט פון פאָטער און מוטער און גייט קיין אויסלאַנד און איז דאָרט פיל יאָרן, און זיין פאָטער און מוטער האָפן אַלע טאָג אַז ער וועט קומען, און גרייטן אים אָן אַלע באַדערפעניש פון זיין חופה, און אין דעם טאָג וואָס ער קומט אַהיים פאַלט ער אַראָפּ פון אַ לייטער און שטאַרבט. אויך אַזעלכע מענטשן וואָס באַגראָבן אַלע זייערע קינדער אין איין טאָג, רחמנא ליצלן.

**גם,** אויך זאָל ער באַטראַכטן די גזירות וואָס די אידן האָבן געהאַט פאַר אַלטע צייטן, וואָס מען האָט אַ טייל פון זיי אַרויסגעטריבן פון זייערע לענדער. אויך די מלחמות און די צרות וואָס די מענטשן פון ירושלים האָבן געהאַט, בשעת מען האָט ירושלים באַצוואונגען איר איינצונעמען. אויך דעם חורבן פון די צוויי בתי המקדש. אויך די הריגה פון דער שטאָט ביתר און די צדיקים וואָס זענען אין איר גע׳הרג׳עט געוואָרן מיט גרויס אכזריות. ער זאָל טראַכטן וועגן די יסורים וואָס די רשעים ווערן גע׳משפט אין גיהנם. ער זאָל באַטראַכטן אַזעלכע מענטשן וואָס בויען פּאַלאַצן און גרייטן אָן סעודות און דערנאָך שטאַרבן זיי, און עס קומט אויס, אַז זיי האָבן אָנגעגרייט פאַר די מענער מיט וועם זייערע ווייבער וועלן חתונה האָבן.

**ישים,** ער זאָל שטעלן פאַר זיינע אויגן דעם טויט וואָס גייט אַרום אַלע טעג, דורכן זינד פון אדם הראשון.

**ט. והנה,** און אַז דער זינדיגער וועט טאָן קעגן זיינע אויגן די שלעכטע טרעפונג און די מיתות משונות און די אומגליקן וואָס קומען אויף דער וועלט, דעמאָלט וועט אונטערטעניג ווערן זיין פאַרשטאָפּט האַרץ, ווייל ער וועט ציטערן און זיך פאָרכטן, טאָמער וועט אים באַגעגענען איינע פון די דאָזיגע צרות, און אַז דער מענטש דערמאַנט זיך אין צרות ווערט ער דערציטערט און זיין האַרץ ווערט

אונטערטעניג און אַלע תאוות ווערן פון אים אָפּגעטאָן און ער גלוסט אין דער ליכט פון לעבן און באַהעפט זיך אין השם יתברך און אין זיין תורה און האָפט יעדן טאָג אויף זיין אָרט אין גן עדן.

**כאשר,** אַזוי ווי דו קענסט זען פון יעקב, וואָס כאָטש ער איז געווען דער בעסטער פון די אבות, ווען ער האָט געדענקט די צרה פון יוסף, איז קיין שמחה נישט אַריינגעגאַנגען אין זיין האַרץ און ער האָט נישט אָנגענומען קיין טרייסטונג, כאָטש ער איז דאָך פאַרזיכערט געווען אַז ער וועט האָבן עולם הבא, פונדעסטוועגן, דאָס וואָס ער האָט געדענקט אין דער צרה פון יוסף, האָט אים טרויעריג געמאַכט.

**קל וחומר,** איז שוין אַ כל שכן, אַז דער זינדיגער וואָס איז פול מיט עבירות וואָס ער איז אָנגעגרייט צו יסורים פון גיהנם, אַז ער וועט געדענקען די צרות וואָס טרעפן זיך אויף דער וועלט וועט ער אַוודאי אונטערטעניג ווערן און וועט תשובה טוהן צו השם יתברך.

❀ ❀ ❀

## הוספה לאות ה׳, ע׳ י״ט

## דעם גרויסן צער וואָס דער אָרעמאַן האָט, ווען עס קומט ערב שבת קודש.

**אַמאָל** איז דער אר״י ז״ל געזעצן מיט זיינע תלמידים אויפ׳ן פעלד וואו ס׳איז באַגראָבן דער נביא הושע-בן-בארי. דער אר״י ז״ל האָט גע׳דרשנט פאַר זיי סתרי-תורה. אינמיטן די דרשה האָט זיך דער אריז״ל אָנגערופן: למען השם, איילט זיך צו נעמט צוזאַמען פון אייך צדקה, און לאָמיר שיקן פאַר אַן אָרימאַן וועלכער וואוינט נישט ווייט פון אונז, וואָס זיין נאָמען איז רבי יעקב אַלטרוץ, וועלכער זיצט און וויינט און באַקלאָגט זיך פאַר׳ן אויבערשטן וועגן זיין אָרעמקייט און זיין שטימע גייט אַרויף אויבן און שפאַלט אַלע הימלען ביז לפני ולפנים, און הקדוש-ברוך-הוא איז פול מיט צאָרן אויף די גאַנצע שטאָט צוליב אים וואָס מען האָט נישט קיין רחמנות אויף אים.

**און** יעצט הער איך דעם אויסרוף וואָס גייט איבער אַלע הימלען, מיט די גזירה פון דער פמליא-של-מעלה, אַז עס וועט קומען אַ שווערער היישעריק אויפ׳ן גאַנצן געגנט פון צפת, און זיי וועלן אויפעסן די תבואה און אַלע שייערן, ביז די ווייגגערטנער און די זיתים. דעריבער איילט זיך צו און מיר זאָלן אים שיקן צדקה, אפשר וועט מען נאָך קענען מבטל זיין די גזירה מיט גאָט׳ס הילף! האָט יעדער איינער גלייך געגעבן זיין נדבה, און דער אר״י ז״ל האָט געגעבן די געלט פאַר זיין תלמיד רבי יצחק הכהן, און ער האָט אים געהייסן ער זאָל שנעל גיין צו די הויז פון רבי יעקב אלטרוץ, און אים איבערגעבן די געלט.

**וכך** הוה, רבי יצחק הכהן האָט אַזוי געטאָן, און איז שנעל געגאַנגען צו די שטוב פון רבי יעקב אלטרוץ, און אים געטראָפן ווי ער זיצט און וויינט. פרעגט ער אים, רבי פאַרוואָס וויינט איר? האָט רבי יעקב געענטפערט אַז עס האָט זיך אים צעבראָכן דאָס פאַס פון וואַסער, און ער האָט נישט קיין פרוטה צו קויפן אַ צווייטע. איך ווייס נישט וואָס צו

טאָן פון גרויס צער צוליב מיין ביטערע אָרעמקייט. האָט רבי יצחק אים גלייך געגעבן די געלט. ער האָט זיך זייער שטאַרק געפרייט דערמיט, און אים געבענטשט.

**ווען** רבי יצחק האָט זיך אומגעקערט צום הייליגן אר״י ז״ל, האָט ער אים געזאָגט: די גזירה איז בטל געוואָרן און עס איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. אַזוי ווי זיי ריידן, האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן זייער אַ שטאַרקער ווינט, וועלכער האָט געטראָגן געוואַלדיגע מחנות מיט היישעריקן, האָבן זיך די תלמידים דערשראָקן, האָט זיך דער אריז״ל אָנגערופן: האָט נישט קיין מורא, די גזירה איז שוין בטל געוואָרן. און אַזוי איז געווען, אַלע היישעריקן זענען אַריינגעפלויגן אין ים-הגדול און דאָרטן זענען זיי דערטרונקען געוואָרן, און עס איז נישט איבערגעליבן אַפילו איינער.

(קב הישר)

❖ ❖ ❖